בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת ויצא תשע"ו** — **גליון 335 [שנה ז']**

וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה: (כ"ח ו) דער הייליגער רמב"ן ברענגט אין פסוק י"ז באריכות אז דא איז געווען קפיצת הדרך: יעקב אבינו איז ארויס פון באר שבע און וילך חרנה אין דעם זעלבן טאג איז ער אנגעקומען. און אזוי טרעפן מיר ביי אליעזר עבד אברהם וואס האט געזאגט (כ"ד מ"ב) וָאָבֹא הַיּוֹם אֶל־הָעָיִן: היום יצאתי והיום באתי, היינט בין איך ארויסגעגאנגען און היינט בין איך אנגעקומען. אויך וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ (שם כ"ד י') בו ביומו. און דער זעלבע איז געווען ביי יעקב: וַיֵּצֵא יַעֲקֹב וַיֵּלֶךְ חָרָנָה. בו ביומו, אין דעם זעלבן טאג (עי' ב"ר ס"ח ח') און רש"י זאגט אויך ביי ויפגע במקום: אז עס איז געווען קפיצת הדרך. [דאס איז א מוסר השכל אז דער אויבערשטער האט געמאכט נסים פאר די אבות און די קנעכט ווייל צייט איז געווען טייער ביי זיי. יעדער מינוט איז געווען אויס גערעכנט.] יעצט דאס וואס דער רמב"ן שרייבט אז ביי וילך חרנה איז געווען קפיצת הדרך מוז מען זאגן אז זיין לימוד איז נאר פון וילך חרנה און נישט פון באר שבע! ווייל ווען ער איז ארויס פון באר שבע איז ער פריערט געגאנגען צו שם ועבר לערנען דארטן תורה און איז געבליבן דארטן 14 יאר. נאר דער רמב"ן וואס ברענגט דאס פון מדרש, איז מדייק אז דער לימוד איז נאר פון וילך חרנה. אז פון ישיבת שם ועבר צו חרן איז געווען קפיצת הדרך אבער נישט פון באר שבע. (שמח זבולון)

### דער צדיק נעמט זיך גלייך צו עבודת השי"ת

וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי: (כ"ח ט"ז) לכאורה דער לשון פון וַיִּיקַץ שטייט אויך ביי פרעה וַיִּיקַץ פַּרְעֹה: וַיִּישָׁן וַיַּחֲלֹם שֵׁנִית (בראשית מ"א – ד– ה) וואס איז די קשר פון דיביידע מאל וַיִּיקַץ? נאר עס קומט אונז צו לערנען דער חילוק פון א צדיק און א רשע, וויילביידע שטייען אויף פון זייער שלאף, נאר דער צדיק ווען ער וועקט זיך אויף נעמט ער זיך גלייך צו עבודת השי"ת, און לייגט זיך נישט צוריק שלאפן, דעריבער שטייט וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ: ער שטייט אויף און זאגט גלייך: אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה. עס איז דא א גאט אויף דער וועלט און גייט צו די עבודה. אבער פארקערט דער רשע ער לייגט זיך צוריק שלאפן. ויקץ פרעה ער שטייט אויף פון שלאף אבער ויחלום שנית ער לייגט זיך גלייך צוריק שלאפן. די זעלבע אויפן קען מען אויך זאגן אויף דעם פסוק וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹהִים עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ: (כח יב) ווייל לויט די חלומות זעט מען וואס דער מענטש איז, ווייל דער מענטש חלומ'ט נאר וואס ער טראכט ביי טאג, יעקב האט געטראכט פון העכערס האט ער געחלומט וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה, אבער ביי פרעה שטייט (מא ב') וּפַרְעֹה חֹלֵם וְהִנֵּה עֹמֵד עַל־הַיְאֹר: וְהִנֵּה מִן־הַיְאֹר עֹלֹת שֶׁבַע פָּרוֹת יְפוֹת מַרְאֶה ער האט געטראכט וועגן קיען, האט ער געחלומט וועגן קיען. (ר' מאיר'ל מפרימישלאן)

וְאַתֵּנָה יְדַעְתֶּן כִּי בְּכָל־כֹּחִי עָבַדְתִּי אֶת־אֲבִיכֶן: וַאֲבִיכֶן הֵתֶל בִּי וְהֶחֱלִף אֶת־מַשְׂכֻּרְתִּי עֲשֶׂרֶת מֹנִים וְלֹא־נְתָנוֹ אֱלֹהִים לְהָרַע עִמָּדִי (לא ו–ז) צו פארשטיין די משא ומתן פון יעקב און זייצע ווייבער. יעקב אבינו האט פארשטאנען אז רחל און לאה קענען אפשר האבן א ספק אין די ישרות פון די געלט וואס קומט זיי! האט יעקב געזאגט א שטארקע טענה צו רחל און לאה. ווייל נאר אין זיין זכות האט לבן געהאט אזא גרויסע הצלחה. איז די ערשטע טענה איז געווען וואו איז די הכרת הטוב פון לבן? און אויב עס איז א ספק אין די ערליכקייט פון די געלט איז דער גרעסטע ראיה אז איך האב געארבעט ערליך, ווייל וְלֹא־נְתָנוֹ אֱלֹהִים לְהָרַע עִמָּדִי: ווייל דער אויבערשטער האט נישט געלאזט מען זאל מיר טאן שלעכטס. ווי די וועלט זאגט אז ערליכע געלט גייט נישט פארפאלן. ממילא האט יעקב געהאט א שטארקע טענה אז די געלט קומט זיי מיט נאמנות! איז זייער תירוץ געווען ריכטיג: כִּי כָל־הָעֹשֶׁר אֲשֶׁר הִצִּיל אֱלֹקִים מֵאָבִינוּ לָנוּ הוּא וּלְבָנֵינוּ, האבן רחל און לאה איינגעזען אז יעקב איז גערעכט און האבן געזאגט אז טאקע אלעס באלאנגט צו זיי.

דער ענין פון הכרת הטוב האט ארויסגעגעבן דער הייליגער אמרי חיים פון וויזניץ זצוק"ל וואס ער האט שטארק מכבד געווען א חסיד און די קינדער האבן געפרעגט וויפיל איז דער שיעור פון מכבד זיין איין מענטש? האט דער אמרי חיים געזאגט מיר זאגן אינדערפרי אלו דברים שאין להם שיעור און איינע פון זיי איז ביכורים און רש"י ברענגט אין פרשת כי תבא אז די גאנצע ענין פון ביכורים איז ווייזן הכרת הטוב פארן אויבערשטן אז ער האט אונז געגעבן פרוכט. און אויף הכרת הטוב איז נישטא קיין שיעור. און ווייל איך בין חייב הכרת הטוב פאר יענע חסיד איז נישטא קיין שיעור. דאס האט יעקב געטענה'ט לבן האט נישט קיין שום הכרת הטוב ממילא האט ער נישט קיין שייכות צו רחל ולאה די הייליגע אמהות! האבן זיי מודה געווען צו דעם און געזאגט אמת מיר האבן נישט קיין שייכות צו אים און מיר נעמען די גאנצע געלט פאר אונז. (שמח זבולון)

### מדור העובדות –כח פון צדיקים

### דער הייליגער מהר"י פון בעלזא האט דערהויבן א נשמה גאר הויך און ער איז גלייך אריין אין גן עדן

אין אונגארן האט א איד געהאט א שענק פון בראנפן ער איז געווען א עושר אבער א רשע און א מחלל שבת, ער האט געהאט גוטע בראנפן און חסידים פלעגן זיך דארט אפשטעלן ביי זייערע נסיעות צו זייערע צדיקים, און דער שענקער האט געמאכט ליצנות פון די צדיקים, איינמאל איז געווען ביי אים א קבוצה פון בעלזא חסידים פון מיטעלע רבי מהר"י זצוק"ל און זיי האבן געשועסט וועגן די גרויסקייט פון זייער רבי הרה"צ ר' יהושע דער מהר"י זצוק"ל און דער שענקער האט געמאכט ליצנות פון זייער רבי האבן זיי אים געזאגט ער זאל אויפהערן מאכן ליצנות ווייל ער וועט באקומען א שטראף און ער האט געזאגט ער האט נישט מורא פון רבי'ס און האט געמאכט נאך מער שטארקע ליצנות.

ווען פלוצלינג איז דער שענקער געווארן געלעמט אויף זיין גוף, און עס איז געווארן א רעש אין שטאט אז דער שענקער האט באקומען א עונש ווייל ער האט געמאכט ליצנות פון הייליגן בעלזא רב. די דאקטוירים האבן פרובירט עפעס צו העלפן אבער זיי האבן גארנישט געקענט העלפן, דער שענקער האט געהאט א ברודער וואס איז געווען א חסידישע איד און האט גענומען זיין ברודער דעם שענקער צום בעלזא רב, האט דער בעלזא רב געזאגט אויף מיין כבוד בין איך מוחל און איך וויל נישט אז חלילה זאל א איד ווערן געשראפט צוליב מיר, אבער איך ווייס נישט צו דער אויבערשטער איז אים מוחל?

דער שענקער האט אויסגעבראכן אין א געוויין און געזאגט: רבי איך וויל תשובה טאן איך וועל מער נישט רעדן אויף צדיקים! האט דער רבי געזאגט אז זיי זאל קומען אויף ראש השנה און ער וועט זיי קענען דעמאלטס העלפן, ערב ראש השנה זענען ביידע ברידער אריין צום בעלזא רב. דער שענקער האט געוויינט פארן רבין ער זאל אים אויסהיילן, האט דער רבי האט געזאגט אז אויב ער וועט מקבל זיין צו זיין א אמת'ע עהרליכע איד און בעטן מחילה פון אויבערשטן אין ר"ה, וועט אים דער אויבערשטער מוחל זיין און וועט ווערן געזונט. דער איד האט אלעס געפאלגט

און איז געבליבן אין בעלזא ביז נאך יום כיפור און איז גלייך מוצאי יו״כ איז ער געווארן אינגאנצן געזונט.

נאך יו״כ האט אים דער רבי געהייסן אהיים פארן און ער האט זיך איגאנצן איבערגעדרייט און געווארן א מהדר במצוות און געווארן א גרויסער בעל צדקה. סוכות האטמ ער געקויפט א שיינעם אתרוג און געבויט א גרויסער סוכה און האט מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים און טאן א חסד מיט מזכה זיין אידן מיטן שיינע אתרוג. ער האט אויך געדונגען א מלמד וואס האט אים שנעל אלעס אויסגעלערנט און ביז א קורצע צייט איז דער שענקער געווארן א יודע ספר.

ער פלעגט פארן אלע ראש חודש קיין בעלזא און געבליבן אויף סעודת ר״ח. איין חודש האט דער רבי אים אריינגערופן נאכן סעודה און אים אויסגעפרעגט אויף זיין הנהגה און דער רבי האט געפעלן זיין עבודה און צום סוף האט דער רבי געזאגט ביזט א אמת׳ע בעל תשובה און במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד, דוא ביזט יעצט אין א העכערע מדריגה פון צדיקים.

האט אים דער שענקער געזאגט אז אויב ער שטייט שוין אין אזא הויכע מדריגה, בעט ער דער רבי אז ער וויל זוכה זיין צו זען מלך המשיח, האט אים דער רבי געזאגט אז אין עפעס א וואלד ביים גרעניץ פון אונגארן איז ביים עק פון וואלד איז דא א הויז וואס דארט וואוינט דער מלך המשיח. דער איד איז דארטן געגאנגען און געזען די שטוב איז טונקעל און א פרוי קאכט קארטאפל און די רויך פילט אן די הויז, און ער האט געקלאפט אויפן טיר און די פרוי פרעגט וואס ער דארף ? האט דער איד געזאגט ער וויל זיך טרעפן מיט איר מאן ווייל ער וויל ער זאל קומען ארבעטן ביים אים און פירן די חשבונות, האט זי געזאגט מיין מאן קען נישט שרייבן און אפילו נישט רעכענען און ווי קענסטו אים נעמען ארבעטן? אבער ער האט איר איינגעבעטן אזהער וויל אים זען, האט זי געזאגט אז ער קומט אהיים נאך מעריב.

ער האט געווארט ביז נאך מעריב און איז צוריק אהין און געזען ווי א איד זיצט אריינגעטאן אין א ספר און ער האט געקלאפט אויפן טיר און מען האט אים אריינגעלאזט און ווען דער בעל הבית האט אים געפרעגט ווער האט אים געשיקט צו אים? און ווען ער האט געענטפערט אז דער בעלזא רב האט אים געשיקט איז געשען א פלא אז דער איד מיטן הויז איז פארשוואונדן געווארן. ווען ער איז אנגעקומען צוריק קיין בעלזא האט דער רבי געזאגט אז דו האסט א גרויסע זכות אז דו האסט זוכה געווען צו זען דער מלך המשיח. דער איד האט זיך נישט אפגעשטאלט אין זיין מדריגות נאר געשטיגן אין עבודה און יראת שמים.

איין יאר איז געווען א שווערע ווינטער מיט גרויסע שניי און ער געקומען קיין בעלזא אויף חנוכה און דער רב האט אים געהייסן שוין אהיים פארן האט ער געבעטן תחנונים אז ער האט געמאכט אזא לאנגע און א שווערע נסיעה פאר גארנישט! און אפילו נישט הערן די ברכות פון רבין איינמאל? און דער רבי זאגט גוט די ערשטע נאכט קענסטו נאך בלייבן אבער זאגט אים שטרענג אז ער מוז שוין גלייך דערנאך אהיים פארן! און האט זיך געזעגנט פון רבין. ווען ער איז אהיימגעקומען איז ער געווארן פלוצלינג זייער שטארק קראנק און ער האט יעצט פארשטאנען די כוונה פון רבין וואס האט אים שנעל אהיים געשיקט. ער האט געשריבן א צוואה אז מען זאל טיילן אסאך צדקה פאר ארימעלייט און פאר ארץ ישראל לעילוי נשמתו. ער איז נפטר געווארן א עלטערע איד און די גאנצע שטאט האט אים באגלייט לכבודו. א פאר טעג נאך וואס ער איז נפטר געווארן איז ער געקומען צו זיין זון אין חלום און דערציילט אז ווען ער איז ארויף אין הימל האט מען אויסגערופן מאכטס פלאץ פאר די בעל תשובה פון בעלזא, און מען האט געהייסן גיין גלייך אין גן עדן, און דארטן האב איך געהאט די זכיה צו זען דער הייליגער שר שלום פון בעלזא וואס זיצט מיט א גאלדענע קרוין און מיט גרויס כבוד זיע״א. (ספר פטירת רבינו הק׳ מבעלזא תרנ״ד)

## מחזיר געווען בתשובה פון דערווייטנס

הרה״ק ר׳ אהרן בהרה״ק ר׳ מרדכי מטשרנאביל זצוק״ל יארצייט ח׳ כסלו תרל״ב, פלעגט שיקן זיינע גבאים איינצומאנען מעמדות אין די שטעט און פלעגן שרייבן צו וועמען מען זאל גיין און וויפיל יענער זאל געבן, איינמאל האט ער געשיקט זיינע גבאים אין א ווייטן שטאט און איינע פון די נעמען איז זיי נישט געווען באקאנט, ווען זיי האבן געפרעגט אין שטאט האט קיינער נישט געוואוסט ווער דער מענטש איז! ביז איינער האט געזאגט אז אינדרויסן פון שטאט וואוינט א איד א גרויסער בעל עבירה, אפשר מיינט מען אים? זענען די גבאים אהין געגאנגען און געפרעגט דעם מענטש אפשר איז ער דער און דער? האט ער געענטפערט, יא, האבן זיי געזאגט אז ר׳ אהרן פון טשערנוביל האט זיי געשיקט נעמען פון אים מעמדות געלט! און פון רוב התרגשות האט דער איד געגעבן א שפרונג און געזאגט: איר זאלט וויסן אז איך וויל שוין פון לאנג זיך טרעפן מיטן צדיק ר׳ אהרן! און הויבט אן צו וויינען. נאכן בארוהיגן זיך, דערציילט ער פאר די גבאים אז נישט לאנג צוריק האט ער חלומ׳ט אז מען איז אים דן אין בית דין של מעלה אז ווייל ער איז אזא בעל עבירה דארף מען אים צונעמען פון דער וועלט! איז געקומען דארט צו בי״ד א צדיק און זאגט: האב רחמנות, ער איז נאך יונג און לאזט אים לעבן ער וועט נאך תשובה טאן. האב איך געפרעגט ווער איז דער צדיק? האט מען געענטפערט: ר׳ אהרן פון טשערנוביל! און די גאנצע צייט טראכט איך ביי זיך וואו קען איך אנקומען צו דעם צדיק און יעצט אז איר זענט געקומען זע איך אז אלעס איז ריכטיג פון דעם חלום. און זאגט: איך פאר מיט אייך צום צדיק. ער איז געפארן מיט זיי צו ר׳ אהרן און דער רבי האט אים זייער מקרב געווען און ער איז געווארן א בעל תשובה גמור פון די גרויסע חסידים פון רבי׳ן . זיע״א

צדיקים זענען דאך נשמת כלל ישראל אזוי ווי עס שטייט אתפשטותא דמשה בכל דרא דרא משה רבינו וואס איז צדיק הדור איז צושפרייט אין אלע דורות עד ביאת גואל און די פראבע פון א צדיק מעסט זיך איז זיין אהבת ישראל, צדיקי אמת האבן זיך מפקיר געווען צו העלפן אידן און עס איז דא פול מעשיות ביז אונזערע צייטן ווי צדיקים האבן באלויכטן פארוואלגערטע נשמות אין גאר ווייטע פלעצער סיי דורך זייער עבודה און סיי דורך א קשר. שטייט פון צדיקים אז בעקבות דמשיחא וועט זיין ספיקות אין אמונה און מען וועט זיך קענען האלטן נאר מיט זיין מקושר צו צדיקים. דער צדיק האט כח דיר אריינשיינן קדושה און יראת שמים, און אויך אויסוואשן א נשמה ווען איינע וויל תשובה טאן מיטן אמת, צדיקים האבן געזאגט ווען זיי פירן טיש זענען זיי משפיע יראת שמים אין די חסידים.

## הרה״ק ר׳ אברהם דוב מאוריטש דער בת עין י״ב כסלו תר״א

הרה״ק ר׳ אברהם דוב מאוריטש זצוק״ל, איז געבוירן געווארן בערך שנת תקכ״ה צו זיין הייליגן טאט׳ן ר׳ דוד אויערבאך דער מגיד פון חמעלניק, און אין שנת תקפ״ה איז ער געווארן ראב״ד פון שטאט זיטאמיר און אין אלול שנת תקצ״ג איז ער אנגעקומען קיין ארץ ישראל. און איז נסתלק געווארן אין צפת י״ב כסלו תר״א, דער בת עין איז געווען א תלמיד פון הייליגן מאור ענים און פון זיין זון ר׳ מרדכי און פון הייליגן קדושת לוי, ביי ר׳ אהרן מטשערנוביל איז דער ספר נישט אראפ פון זיין טיש .

ביים הייליגן תפארת שלמה איז אמאל געקומען א מוכר ספרים צו פארקויפן דעם ספר בת עין וואס איז געדרוקט געווארן אין ירושלים, און ער האט געבעטן אסאך געלט, און א חסיד האט דאס געקויפט, און ער האט דאס געוויזן פאר דעם הייליגן תפארת שלמה און דער תפארת שלמה האט געבעטן אז מען זאל אים בארגן דעם ספר פאר א שטיק צייט און ווען ער האט דאס גדארפט צוריק געבן האט ער געבעטן צו ער קען דאס נאך האלטן פאר נאך א שטיק צייט! ווען דער חסיד האט געזען ווי פאר דעם רבין איז דער ספר אזוי חשוב האט ער אים דאס געגעבן פאר א מתנה! און דער תפארת שלמה האט זיך זייער געפרייט און ער האט געזאגט צום חסיד אפילו דו וועסט מיר געבן פאר דעם ספר טויזענט רובל וועל איך דאס נישט צוריק פארקויפן! און ער האט געזאגט עס איז שוין א לאנגע צייט וואס איך האב געהאט חשק צו פארן צום הייליגן בת עין, נאר עס איז זייער א ווייטע וועג פון ראדאמסק ביז אווירטש וואס איז אין רוסלאנד. *״ער איז געווען א פארצייטישע נשמה פון די גאר גרויסע מענטשן,* דער תפארת שלמה האט געגעבן א נאמען פאר זיין זון דער חסד לאברהם נאך דעם בת עין.

ווען עס איז געווען די גרויסע ערד ציטערניש אין צפת איז דער בת עין געווען אין שול מיט זיינע מתפללים און ער האט געהייסן אלע זאלן קומען אויף איין זייט פון שול און גלייך נאכדעם איז פון די אנדערע זייט שול צוזאמען געפאלן די דאך און די ווענט, און זיי האבן געזען די נס פון צדיק. ביז היינט זעט מען די שול פון בת עין וואו איין האלב שול איז די אלטע און די אנדרע האלב איז דא א נייע. דער ספר האט זוכה געווען אז מער לערנט דאס היינט אסאך און עס איז איבערגעדרוקט אין עטליכע מהדורות זיע״א


נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: *הוצא לאור ע״י ״עולם הספרים״ המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד– צו פארקויפן* - תהלים בן ביתי סגולה לכל דבר $1500. עטליכע בריוו פון הגאון ר׳ יונתן שטייף פון פעסט. ספר שער יששכר מונקאטש מיט הגהות פון הרה״ק ר׳ אברהם יקיר ווייס הי״ד בן החקל יצחק. חידושים שונים בכת״י מהגאון ר׳ צבי הירש וואלק אב״ד פינסק בעל כתר כהונה על הספרי. מטבע משנת תשע״ג לכבוד 250 יאר געבורטס פון חתם סופר צו פארקויפן $500, קול קורא פון חפץ חיים תרפ״ט פון ווילנא וועגן טהרת המשפחה $600, פנקס צדקה פון עזרת תורה פון תרע״ח ביז תרצ״א כת״י באשריבן אלע אדמורי״ם און רבנים פרטים וועגן זייער מצב וויפן זיי האבן באקומען און זייער אדרעסן א חשובע היסטאריא $6000

4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:00 Fri till 2

to recieve pardes: לקבל הגליון at seforim@gmail.com or in the store from Thursday

מיר וועלן מער נישט טיילן דעם גליון אין די בתי מדרשים, ווער עס וויל א גליון קען דאס באקומען אויף אי מייל אדער אויף לדעת, אדער אין די ספר גליונות.

http://ladaat.info/gilyonot.aspx